ב"ה

# טעראפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 53

געקליבענע ברייוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## האט דער אייבערשטער אנגענומען מיין תשובה?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*את חטאי אני מזכיר היום, פאר אסאך יארן בין איך לויזער געווען איינגעטונקען אין עבירות, ביז דעם פארגאנגענעם זומער ווען איך האב געשפירט אז איך קען נישט מער אזוי אנגיין, איך האב זיך ערנסט גענומען אין די הענט אריין.*

*מיין פראבלעם איז אבער אז איך האב מורא אז דער אייבערשטער איז נישט מקבל מיין תשובה, ווייל ס'צעט מיר אויס ווי ער צעשטערט מיר ממש יעדע גוטע זאך וואס איך וויל טון, למשל איך האב געמיינט אז איך גיי באקומען א פאסטן אלס מלמד אין א פלאץ וואס מ'צאלט מער פון וואס איך פארדין היינט, און מ'האט מיר למעשה נישט אנגענומען, אדער למשל פאר סוכות האב איך דאס יאר צום ערשטן מאל ארויסגעוויזט מיין פארטש צו קענען האבן א רחבות'דיגע סוכה, און פלוצלינג בין איך זייער פארקילט געווארן און נישט געקענט הנאה האבן פון די סוכה, איך האב געשפירט ווי דער אייבערשטער וויל מיר צעשטערן דעם יום טוב.*

*איך וויל זיך שטארקן און ווייטער בלייבן אינעם אייבערשטן און נישט צוריק פאלן צו מיינע עבירות, ביטע העלפט מיר און צייט מיר מחזק.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תולדות, כ"ח חשון, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו האסט תשובה געטון, דו האסט אפגעלאזט אלע דיינע חטאים. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (פסיקתא דרב כהנא): "גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה", תשובה איז אזוי גרויס, "שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אז ווי נאר א מענטש טראכט פון תשובה - ער טראכט 'איך וויל זיך אומקערן צום אייבערשטן', "מִיַּד הִיא עוֹלָה לֹא עַד עֲשָׂרָה יָמִים, וְלֹא עַד עֶשְׂרִים וְלֹא עַד מֵאָה, אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנִים; וְלֹא עַד רָקִיעַ רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי, אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד", קומט ער גלייך אן צום כסא הכבוד.

### א איד טאר אזוי נישט רעדן

א איד טאר נישט זאגן אזעלכע ווערטער ווי דו שרייבסט: "דער אייבערשטער צעשטערט מיר יעדע זאך", אדער: "דער אייבערשטער האט צעשטערט מיין יום טוב"; זיי מיר מוחל אויף וואס איך זאג דיר דאס, א איד טאר אזוי נישט רעדן; דער אייבערשטער איז גוט און טוט נאר גוטס מיט אונז.

דוד המלך זאגט (תהלים קמה, יז): "צַדִּיק ה' בְּכָל דְּרָכָיו, וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו", און (שם, ט): "טוֹב ה' לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו", דער אייבערשטער איז גוט צו יעדן איינעם; אפילו איך זע עס נישט, אפילו איך פארשטיי עס נישט - דארף איך האבן אמונה אז אלעס איז לטובה, און דאס אז איך זע עס נישט און פארשטיי עס נישט - דאס איז אויך פאר מיין טובה.

### מען הייבט אן האבן קשיות אויף די אמונה

ווען א מענטש זינדיגט ווערט ביי אים אפגעקילט די אמונה, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות אמונה, סימן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לָאָדָם", ווען א מענטש זינדיגט גייט אריין אין אים מחשבות פון כפירה; מען הייבט אן האבן קשיות אויף די אמונה. דו דארפסט נאך אסאך תשובה טון עס זאל ארויס גיין פון דיר אלע שלעכטע מחשבות, דו זאלסט זיין איבער געגעבן צום אייבערשטן.

זע צו זאגן תהילים יעדן טאג וועסטו זוכה זיין צו אמת'ע תשובה; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", ווער עס וויל תשובה טון זאל זאגן תהילים. רבי נתן פלעגט זאגן יעדן טאג דעם 'יום תהילים', אזוי ענדיגט מען יעדע וואך גאנץ תהילים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ווי אזוי קען איך האבן א בעסערע באציאונג מיט מיינע עלטערן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*קודם א דאנק פון די געוואלדיגע חיזוק דרשות, וואס העלפן מיר אזויפיל ארויס אין לעבן.*

*איך וויל וויסן וואס איך קען טון צו האבן א בעסערע און גרינגערע באציאונג מיט מיינע עלטערן, איך שפיר זיך עפעס זייער בצמצום ביי מיינע עלטערן, אפשר האט דער ראש ישיבה שליט"א אן עצה פאר מיר?*

*א גרויסן יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת בראשית, אסרו חג סוכות, כ"ד תשרי, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וויסן זאלסטו אז עלטערן זענען נישט קיין חברים און מען קען זיך נישט אומגיין מיט עלטערן מיט גרינגשעצונג; עלטערן דארף מען מכבד זיין און מען דארף מעסטן די ווערטער ווען מען רעדט צו זיי.

מיר דארפן מכבד זיין די עלטערן נישט ווייל מען פארשטייט דאס מיטן שכל נאר ווייל דער אייבערשטער האט אונז אזוי באפוילן (שמות כ, יא): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ", נישט ווייל די שכל זאגט אזוי.

**עלטערן וואס זענען שווערע מענטשן דארף מען אויך מכבד זיין**

אויך קינדער וואס זענען נישט אויפגעוואקסן אין שטוב דורכאויס זייערע יונגע יארן אדער קינדער וואס די עלטערן האבן זיי נישט געגעבן זייערע געברויכן, דארפן מכבד זיין די עלטערן. אזוי אויך אויב מען האט עלטערן וואס זענען קפדנים וואס קריגן זיך מיט יעדעם, עלטערן וואס זענען שווערע מענטשן וכו' וכו' דארף מען זייער אכטנג געבן אויף זייער כבוד. מיר געפונען אין חז"ל (קידושין ל:): "הִשְׁוָה הַכָּתוּב כְּבוֹד אָב וָאֵם לִכְבוֹד הַמָּקוֹם", דער אייבערשטער האט צוגעגליכנט זיין כבוד צו די כבוד פון עלטערן.

**א מורא'דיגע מעשה**

מוהרא"ש פלעגט זייער פיל רעדן און מעורר זיין איבער די מצוה פון כיבוד אב ואם, ווי שטארק מען דארף אכטונג געבן אויף עלטערן; מוהרא"ש האט אונז אמאל דערציילט א מורא'דיגע מעשה אויף דעם, עס איז געקומען א פרוי מיט איר זון צום גרויסן צדיק רבי ישראל אבוחצירא זכותו יגן עלינו (מען האט אים גערופן 'באבא סאלי'), זי האט געוויינט צו אים: "מיין זון מאכט מיר אן צרות אין שטוב; ער שרייט אויף מיר, ער שלאגט מיר, איך האלט מער נישט אויס פון אים", האט דער הייליגער בבא סאלי זי"ע אנגעהויבן צו וויינען: **"איי איי איי, ווען איך וואלט ווען געהאט א מאמע, וואס אין די וועלט וואלט איך דען נישט געטון פאר איר? איך וואלט געגאנגען שפאצירן מיט איר, איך וואלט געגאנגען איינקויפן פאר איר וואס זי דארף, איך וואלט איר מכבד געווען"**, אזוי האט ער געוויינט א לאנגע צייט, ער האט געוויינט מיט אזא תמימות ופשיטות אז דאס האט געמאכט א מורא'דיגע רושם אויף דעם בחור ביז ער האט אנגעהויבן מיט צו וויינען מיט אים, און ער האט צוגעזאגט אז ער גייט זיך אכטונג געבן מער נישט צו מצער זיין זיין מאמע'ן.

**ער האט געוויינט מיט אזא תמימות ופשיטות אז דאס האט געמאכט א מורא'דיגע רושם אויף דעם בחור ביז ער האט אנגעהויבן מיט צו וויינען מיט אים, און ער האט צוגעזאגט אז ער גייט זיך אכטונג געבן מער נישט צו מצער זיין זיין מאמע'ן.**

ווען מען הערט די מעשה דארפן מיר אלע מיט וויינען און זיך פרעגן: 'ווי אזוי פירן מיר זיך אויף צו אונזערע עלטערן?' און זיך פארנעמען אז מיר וועלן אכטונג געבן אויף אונזערע עלטערן זיי מכבד צו זיין און רעדן צו זיי שיינערהייט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

## דארף איך אויסזאגן ביי א שידוך אז איך האב פחדים?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך בין א בחור אין די יארן פון די שידוכים, איך לייד פון פחדים, אבער איך האב ברוך ה' געטראפן א דאקטער וואס האט מיר געגעבן מעדעצין צו בארואיגן און מיט דעם בין איך ממש א נייער מענטש, אבער און די מעדעצין איז מיין לעבן אויס.*

*מיין שאלה איז וואס צו טון וועגן שידוכים, מוז איך אויסזאגן אז איך נעם מעדעצין פאר פחדים, איך טראכט אז אויב וועל איך אויסזאגן וועט מיר קיינער נישט וועלן נעמען, ווידער אויב איך זאג נישט אויס איז עס אפשר גניבת דעת, ס'הייסט אז איך האב יענעם אריינגענארט.*

*איך האב געליינט אין א בריוו ווי דער ראש ישיבה שרייבט אז דאס איז בלויז ווי נעמען טיילענאל פאר קאפ וויי, און דאס מאכט מיר טראכטן אז לכאורה דארף מען דאך נישט אויסזאגן. אדער אפשר איז עס נישט ממש גלייך? איך האף דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר געבן אן עצה וואס צו טון.*

*יישר כח פאר אלעס*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת שופטים, כ"ט מנחם-אב, שנת תש"פ
לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך קען נישט ענטפערן ווען איך ווייס נישט דיין מצב פון דער נאנט; עס ווענדט זיך ווי שטארק די פחדים זענען און ווי שטארק עס קלאפט אויס.

פרעג דיין מורה דרך וואס קען דיר פערזענליך ער זאל דיר זאגן אויב דיין מצב איז גוט אדער דו דארפסט פארציילן וכו'. ווייל נישט אלץ דארף מען זאגן, אבער דאס איז קלאר אז אויב די פחדים זענען זייער שטארק וכו' - דארף מען יא זאגן, זאלסטו דאס פרעגן דיין מורה דרך וואס קען דיר פערזענליך.

**ב"ה אז דו האסט געטראפן די ריכטיגע מעדעצין**

דער עיקר זאלסטו זיך זייער שטארקן, עס זאל דיר בכלל נישט אנגיין אז דו דארפסט נעמען מעדעצין צו זיין רואיג. דאנק דעם אייבערשטן אז דו האסט געטראפן די ריכטיגע מעדעצין וואס ארבעט פאר דיר און מאכט דיר רואיג און פריילעך.

דאנק און לויב דעם אייבערשטן פאר דיין גוטע לעבן וועסטו שפירן אויף די וועלט די זיסע טעם וואס אלע צדיקים שפירן אין גן עדן. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ב): "ווען מען דאנקט דעם אייבערשטן שפירט מען א טעם פון גן עדן"; ווי מער א מענטש דאנקט דעם אייבערשטן איז דער מענטש נענטער צום אייבערשטן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ויקרא רבה ט, ז): "לֶעָתִיד לָבוֹא כָּל הַקָּרְבָּנוֹת בְּטֵלִין, וְקָרְבַּן תּוֹדָה אֵינוֹ בָּטֵל; כָּל הַתְּפִלּוֹת בְּטֵלוֹת, הַהוֹדָאָה אֵינָהּ בְּטֵלָה", לעתיד לבוא וועלן אלע קרבנות בטל ווערן, חוץ קרבן תודה וועט איבערבלייבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

צו באקומען די גליון וועכנטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**